# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וילך, שבת שובה, ו' אלול, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 2 (416)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:18
מוצאי שב"ק.....................7:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............יחזקאל כ"ו-כ"ז
בבלי......................מעילה י"ח
ירושלמי..................שבת ל"ג
תוספתא........סנהדרין פרק י'
רמב"ם..................גניבה א'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה י"ז) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט טוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֵיין טָאג הָאט עֶר זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי בֶּערְג אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי בֶּערְג: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בֶּעט פַאר מִיר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מִיר צוּרִיק נֶעמֶען; אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן". הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "עַד שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים עָלֶיךָ, נְבַקֵּשׁ עַל עַצְמֵנוּ" - מִיר דַארְפְן אַלֵיינְס רַחֲמֵי שָׁמַיִם. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הִימְל אוּן צוּ דִי עֶרְד, צוּ דִי זוּן אוּן צוּ דִי לְבָנָה, צוּ דִי שְׁטֶערְנְס אוּן מַזָּלוֹת אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בֶּעט פַאר מִיר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן", אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "עַד שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים עָלֶיךָ, נְבַקֵּשׁ עַל עַצְמֵנוּ", מִיר דַארְפְן אַלֵיינְס רַחֲמֵי שָׁמַיִם, מִיר קֶענֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן.

תּוֹסְפוֹת זָאגְט פְּשַׁט (שָׁם) אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ דִי בֶּערְג וְכוּ' נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן, יֶעדֶער דַארְף פַאר זִיךְ אַלֵיין רַחֲמֵי שָׁמַיִם" עיי"ש.

וֶוען עֶר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט, עֶר הָאט אַיינְגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ צְווִישְׁן זַיינֶע פִיס אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזֶעסְן מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל: "רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא מְזוּמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", אַז מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה.

זָאגְט דִי גְמָרָא: "בָּכָה רֶבִּי וְאָמַר", רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת", קוּק צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אִין אֵיין מִינוּט - אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה; נִישְׁט נָאר מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען רוּפְט אִים מִיט אַ טִיטְל "רֶבִּי", ווַייל דֶער בַּת קוֹל אִיז אַרוֹיס 'רֶבִּי' אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא מְזוּמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין טַאקֶע זֵייעֶר ווַייט פַארְקְרָאכְן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, אִיךְ מַאךְ אָפּ יֶעדְן טָאג בַּיי מִיר אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ מַיינֶע נַארִישֶׁע מַעֲשִׂים אוּן יֶעדֶע מָאל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, הֶעלְף מִיר".**

וָואס אִיז פְּשַׁט אַז רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אֶלְעָזָר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן? עֶס אִיז דָאךְ אַ שִׂמְחָה אַז נָאךְ אַ אִיד אִיז זוֹכֶה לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא? נָאר רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף אוּנְז; אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא אוֹיבּ עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן אוּנְזֶער הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דֶעם קוּמְט טַאקֶע צוּ וֵויינֶען, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַרַיין אַבִּיסְל גוּטְס וָואס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן לְנֶצַח נְצָחִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת שׁוּבָה

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פה:): וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט". וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְּרוֹי, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן דִי עֲבֵירָה, דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, צוּ זַיין פוּן יֶעצְט וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דַאן זַיין עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס זֶענֶען דִי רְוָחִים בְּרוּחֲנִיּוּת. אַזוֹי ווִי בְּגַשְׁמִיּוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיזְנֶעס דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְפְרֶעגְן בַּיים בּוּכְהַאלְטֶער צִי דִי בִּיזְנֶעס פַארְדִינְט אָדֶער דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בּוֹדֵק זַיין: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?' 'אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?' אוּן זֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? וָואס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז אַוֶועק לֵייגְן אִין בֵּית הַחַיִּים? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט אִים דָאס בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אֵייבִּיג. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶע'חַזְרְ'ט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין אַלֶע זַיינֶע סְפָרִים; אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים; נָאר דָאס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים תשע"ט)




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט מַיין תְּשׁוּבָה, וֶוען אִיךְ וֵוייס זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְז אַלֶעמָאל מְחַזֵק תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן וִוי גְרִינְג עֶס אִיז תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מְ'דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ". מַיין פְרַאגֶע אִיז אָבֶער אוֹיבּ אִיךְ - וָואס אִיךְ בִּין גֶעזִינְקֶען אִין דִי ק' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן ס'אִיז מִיר קְלָאר אוּן זִיכֶער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ זִינְדִיגְן - וֶועט אוֹיךְ הֶעלְפְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ?

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, פַארְלַאנְגְט דֶען אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי סַאךְ פוּן מִיר? אִיךְ שְׁפִּיר דָאךְ אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעזִינְקֶען אַז אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת. אִיז נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹזֵב אֶת הַחֵטְא? אִיךְ וֵוייס קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי צוּרִיק גֵיין צוּ מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?

**אַ דַאנְק**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. אַ שָׁאד אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וָואס דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע אוּן גֶעקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ עַד שֶׁיְכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דָאס וָוארְט "מִשְׁנָה" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט דָאס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִים; יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקַייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' כִּי תֵצֵא תשע"ט)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר טוּישְׁן זַיין גַאנְצְן סֵדֶר, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוּישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דִי מִינְדֶערְסְטֶע שַׁייְכוּת מִיט סֵיי וֶועלְכֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר אַן אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן, אוּן דָאס קֶען זֵייעֶר גְרִינְג צֶעפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט. דֶערְפַאר לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרוּי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זַיין צַייט, מִיטְ'ן זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם וִוי בִּיז יֶעצְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אַזוֹי תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶועט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, אַז אוֹיבּ אַלֶעס בְּלַייבְּט דִי זֶעלְבֶּע וִוי בִּיז יֶעצְט, וִוי אַזוֹי טוּן מֶען דֶעמָאלְט תְּשׁוּבָה? וָואס דַארְף מֶען יָא טוּן צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶ בַּעַל תְּשׁוּבָה? דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם זָאגְן מִיר דִי וָואךְ אִין דִי הַפְטוֹרָה, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג'): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' - אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה.

אַ אִיד זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל פוּן הַיינְט אָן טוּן נָאר מִצְוֹת אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגֶע וֶועג, מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן. אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זִיךְ, עֶר וֶועט זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִּילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן. מֶען דַארְף אָבֶער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען הוֹיבְּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶער אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט פִּילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים. עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער נַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶער (תְּהִלִּים ל"ד, ט') טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ" - דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ס"ג.): "זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ קֶעגְן אִים

<<<<<<

>>>>>>

אוּן זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז וואוֹיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן נָאר פַארְקֶערְט זִי וֶועט אִים נָאךְ מֶער צוּהֶעלְפְן צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "דָא זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה", אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין וואוֹיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין "דִי זֶעלְבֶּע צַייט" - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע צַייט אִיז טַאקֶע אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

אוּן אִין "דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ אוּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן מַצָּב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר עֶפְּעֶנְעֶן דָאס מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ. אוּן דֶערְפַאר, וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָּיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמַךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹּם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט, אַזוֹי וִוי ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קנ"ג.) "טוּ תְּשׁוּבָה אֵיין טָאג פַארְ'ן שְׁטַארְבְּן" הָאבְּן אִים זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט, "מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט, טוּ הַיינְט תְּשׁוּבָה, וַוייל אֶפְשָׁר מָארְגְן וֶועסְטוּ שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג תְּשׁוּבָה טוּן".

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה חֵלֶק ח', י', י"ב)

>>>>>>

שטארקע התעוררות, צו מעריב איז צוגעגאנגען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א. נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

נאך א שיינע סעודה, האט זיך דער עולם געאיילט צו גיין שלאפן, כדי צו קענען אויפשטיין אינדערפרי פאר'ן עלות נישט צו פארשלאפן דעם מזל. 5:15 פארטאגס האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם שיעור אין גמרא, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם צו גיין צום ציון, פארטאגס ווען ס'איז ליידיגער און מ'קען זיך אויסבעטן מיט מער ישוב הדעת.

8:15 איז געווען אדון עולם, פסוקי דזמרה האט געדאווענט הר"ר שלמה ראטה הי"ו, און דער ראש ישיבה האט געדאווענט שחרית און מוסף, וואס איז געווען זייער שיין, די בארימטע כאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט א דרשה ביי תקיעת שופר, ער האט מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין, בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן, און ער קען נישט מקטרג זיין, און דערפאר איז עס זייער א גוטע צייט וואס מ'קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל, און איבערבעטן דעם אייבערשטן. אויך האט דער ראש ישיבה זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, מען זאל זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו ווען מ'האלט אנדערש פון יענעם, דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן, דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אנגעווארעמט דעם ציבור אז ווער ס'האט א שווער הארץ אויף א צווייטן, איז יעצט די ריכטיגע צייט יעדן מוחל צו זיין, און אנהויבן א נייעם בלאט אין לעבן, צו זיין בשלום ושלוה מיט אלע אידישע קינדער.

דערנאך איז געווען א שיינע סעודה, מען האט געזונגען אינאיינעם שיינע ניגונים לכבוד יום טוב. נאך די סעודה איז מען געגאנגען אינאיינעם זאגן תשליך ביים וואסער.

מנחה איז געווען 6:00, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיינע דרשה, צו וואס עס זענען געקומען צו גיין א גרויסער עולם. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, ער האט נאכגעזאגט וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן מיטל-נאכט, אז דער צווייטער טאג יו"ט איז שוין דינא רפיא, מ'איז שוין נישט אזוי אויסגעמוטשעט ווי מ'איז געווען ביים אנקומען קיין אומאן נאך א שווערע נסיעה, און דעריבער זאל מען זען אויסצונוצן דעם טאג מיט תפלות ותחנונים און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר, און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט דברי חיזוק והתעוררות מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

נאך די געהויבענע סעודה האט איינער געפרעגט וועגן גיין צום ציון ביינאכט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביינאכט איז נישט א פאסיגע צייט צו גיין צום ציון, ענדערש זאל מען זיך לייגן פרי, און גיין פארטאגס ווען ס'איז רואיג און ליידיגער.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט ביים צווייטן טאג יום טוב, דער עולם האט מיטגעהאלטן די געהויבענע תפלות, סעודות, שיעורים, און דרשות. פאר'ן זמן האט דער ראש ישיבה ווידער געזאגט א דרשה, ארויסברענגדיג וואס מ'נעמט אהיים פון דעם יום טוב אין אומאן, דער עיקר אז מ'זאל מיטנעמען די עצות פון הייליגן רבי'ן אויך אויף די גאנצע יאר, אויך ווען מ'גייט צוריק אהיים צום געוועגליכן טאג טעגליכן שטייגער זאל מען גדענקען דאס וואס דער רבי לערנט אונז, צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז א קינד קומט צו פארן קיין אומאן מיט זיין טאטן אויפ'ן פליגער, און דאס קינד שפירט נישט ווי דער פליגער רירט זיך, ס'זעט אים אויס ווי עס שטייט אויף איין פלאץ, דער טאטע ווייסט אבער דעם אמת איז דער פליגער פליעט גאר שנעל, הונדערטער מייל א שעה; די זעלבע איז מיט אונז, א מענטש קען שפירן ביי זיך אז כאטש ער פרובירט צו לערנען און דאווענען, ער בעט זיך ביים אייבערשטן שוין אזוי לאנג אז ער וויל זיין אן אמת'ער ערליכער איד, ער שפירט אבער נישט ווי זאכן רוקן זיך ביי אים, דארף ער אבער וויסן אז באמת פליעט ער גאר ווייט און גאר אסאך יעדע רגע און יעדע מינוט, יעדע גוטע זאך וואס א איד טוט, יעדעסווארט וואס א איד רעדט צום אייבערשטן, ברענגט אים מער און מער נענטער צום ציל, נאר דער יצר הרע איז דער וואס פרובירט צו צעברעכן דעם מוט פונעם מענטש, ער זאל מיינען אז ער איז גארנישט ווערט און אז ער טוט גאר נישט אויף, מיר דארפן זיך אבער שטארקן אין עבודת ה', און נישט קוקן אויף די אלע בלבולים.

ויום טוב היו עושים בצאתם בשלום מן הקודש, מוצאי יו"ט האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ, מ'האט גדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע זכי' אז מיר זענען געווען אין אומאן אויף ראש השנה, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט א גוט געבענטשט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן

א הערליכער יום טוב איז אריבער אויף די קרוב צו הונדערט טויזנט אידן וואס האבן זוכה געווען צו קומען צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה, פון יעדן ווינקל פון איבער די גאנצע וועלט קומען אידן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, אויסצופאלגן זיין בקשה אז מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו'פועל'ן א זיס ליכטיג יאר, און אהיימצופארן מיט א ריינע נשמה און מיט פילע זעק מיט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

דער ריזיגער ציבור האט זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אומאן, פילע טויזנטער דירות, אכסניות, און האטעלן זענען געווארן איבערגעפילט מיט אידן אין לויף פון די טעג פאר ראש השנה; הונדערטער שולן און בתי מדרשים איבער גאנץ אומאן זענען געווען פול מיט אידן במשך דעם יום טוב וועלכע האבן זיך צוזאמגעקליבן צו דאווענען און אויסבעטן א גוט יאר; אבער דאס הארץ פון די פילע טויזנטער אידן זענען אלע געווען געוואנדן צו איין פלאץ, צום ציון הקדוש פון הייליגן רבי'ן, וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצו'פועל'ן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

תלמידי היכל הקודש האבן זיך אויסגעשפרייט אין די פיר בתי מדרשים "היכל הקודש" אין אומאן. אויף יעדן פלאץ באזונדער האבן אנשי שלומינו גאר שיין אויסגענוצט דעם יום טוב, מיט די הארציגע תפלות, שיינע סעודות, און דרשות התעוררות, אויף גאר א געהויבענעם פארנעם.

ביים נייעם בנין "היכל הקודש", אנגעפירט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, זענען זיך צוזאמגעקומען פילע הונדערטער אנשי שלומינו, כאטש וואס דער בנין איז טאקע נאכנישט פארענדיגט אינגאנצן אויף הונדערט פראצענט, איז עס אבער שוין געווען גאר שיין צוגערישט יעצט צום צווייטן יאר אין באנוץ, עס איז געווען ב"ה צוגעשטעלט אלע געברויכן ברוחניות ובגשמיות, דער ריזיגער היכל בית המדרש איז געווען צוגערישט מיט הונדערטער זיץ ערטער, און איז געווען ליכטיג און לופטיג. עס זענען געווען פיינע באקוועמע נייע בעטן, געשמאקע מאכלים בהרחבה, און א פיינע גרויסע מקוה, און אזוי ווייטער אלע צוגעהער פאר יום טוב פאר די באקוועמליכקייט פונעם גרויסן ציבור.

דער יום טוב ראש השנה ביים ראש ישיבה שליט"א איז אריבער גאר שיין אויף אן הערליכן פארנעם, עס איז געווען אן אנגעפילטער סדר היום, מען האט אויסגענוצט יעדע מינוט פון ווען מ'איז אנגעקומען ביז'ן אהיימגיין, מיט דאווענען און לערנען, גיין צום ציון, סעודות, און שיעורי תורה.

רוב ציבור איז אנגעקומען קיין אומאן דאנערשטאג מיטאג. גלייך ביים אנקומען איז געווען צוגעשטעלט א פיינעם מיטאג, מיט וואס מ'האט זיך מחי' געווען פונעם לאנגן וועג, דער עולם האט זיך מסדר געווען אינעם בנין, די מקוה איז שוין געווען אנגעווארעמט און גרייט פאר'ן באנוץ, און פילע אידן האבן געכאפט א מקוה און גלייך אריבערגעלאפן צום ציון הקדוש, צו זאגן תיקון הכללי און זיך אויסבעטן אלעס גוטס.

פארנאכטס האט מען געדאווענט מנחה מעריב און דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם בארימטן שיעור אין א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, וואס דער ראש ישיבה לערנט פאר מיט א מורא'דיגע געשמאק יעדן טאג, און איז ספעציעל באקאנט מיט די שיינע דברי חיזוק וואס דער ראש ישיבה נעמט ארויס פון יעדן בלאט גמרא. נאכ'ן שיעור איז צוגעשטעלט געווארן א געשמאקער נאכטמאל פאר'ן עולם.

אין אלע וואכן טעג איז געווען צוגעשטעלט א פראקטישער "שאטל ספרינטער", וואס האט געברענגט און געטראגן דעם עולם צום ציון און צוריק אויף א פונקטליכער סקעדזשועל אהין און צוריק, יעדע 15 מינוט.

עש"ק אינדערפרי, פאר שחרית, האט דער ראש ישיבה ווידער פארגעלערנט דעם שיעור גמרא בבלי און ירושלמי, און נאך שחרית און פרישטאג האט דער עולם זיך ווידער אריבערגעכאפט צום ציון הקדוש. נאכמיטאג איז געווען צוגעגרייט א פיינע טועמי', און דער עולם האט זיך געגרייט צום הייליגן שבת.

עס איז אריבער א הערליכער שבת, מיט שיינע ווארימע תפילות, הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט איבער א האלבע שעה מיטצוהאלטן די תפלות. פרייטאג צו נאכטס נאכ'ן דאווענען איז דער עולם אראפגעגאנגען אונטן צום עס זאל וואו איז צוגעשטעלט געווארן א הערליכע סעודה לכבוד שבת קודש, און נאך די סעודה איז מען צוריק ארויף אין שול צו די באטע, וואו מען האט געזינגען אינאיינעם די זמירות. דערנאך האט מען

געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ספעציעל ארויסגעברענגט די זכיה וואס מען האט צו זיין אויף א שבת ביים רבי'ן, וואס דער רבי זאגט אז דאס איז אזוי ווי פאסטן זיבן מאל משבת לשבת. און דער ראש ישיבה האט מעודד געווען מ'זאל אויסנוצן יעדע מינוט וואס מ'ווילט דא אין אומאן, זיך אויסצובעטן א גוט געבענטשט יאר. און דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט פון הייליגן רבי'ן פארוואס ס'איז דא אמאל ווען מ'קומט צו א צדיק, און דוקא דעמאלט פארלירט מען די חשק און געפיל, אז דאס קומט ווייל כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו, ווי גרעסער א מענטש ווערט, אלץ מער שטארקט זיך אויף אים דער יצר הרע, דעריבער טאר מען נישט ווערן צעבראכן אויב קומט מען קיין אומאן און פלוצלינג האט זיך אויסגעלאשן די געפיל און בענקשאפט וואס מ'האט געהאט א גאנץ יאר צו קומען צו רבי'ן, נאר זיך שטארקן אויסצונוצן די צייט ווי עס דארף צו זיין, און זיך אויסבעטן א גוט יאר.

שב"ק אינדערפרי נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות (מעשה ה', דער בן מלך פון דימאנט שטיינער), און צווישן אנדערע אויך ארומגערעדט אז דאס גרויסקייט פון א איד שיינט ארויס דוקא ווען עס גייט אויף אים איבער א שוועריקייט, אזוי ווי מ'זעט אין די מעשה אז ווען דער בן מלך האט זיך צעשניטן זיין פינגער, דוקא דעמאלט האט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז גאר אינגאנצן פון דימאנט שטיינער; א איד נעמט אן יעדע שוועריקייט מיט אמונה און תפלה, ער גלויבט אז דער אייבערשטער פירט אלעס נאר צום גוטן, און ער בעט דעם אייבערשטן ער זאל געהאלפן ווערן.

דער רבי דערציילט דארט אז דער צדיק האט געזאגט פאר'ן מלך מיט די מלכה אז זיי זאלן צורייבן אלע טייערע שטיינער און עס אריינלייגן אין א גלאז וויין, און געבן א האלבע גלאז פאר'ן קעניג צו טרינקען, און די אנדערע האלב פאר די קעניגין, און אזוי וועלן זיי האבן א קינד וואס איז אינגאנצן בלויז פון דימאנט שטיינער. האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט אז ווען טאטע און מאמע לעבן בשלום, זיי טיילן זיך איינער מיט'ן צווייטן גלייך אויף גלייך, קיינער גרויסט זיך נישט אויפ'ן צווייטן, דאן איז דא א רואיגע געשמאקע אטמאספער אין שטוב, און די קינדער וואקסן אויף געזונט און ערליך.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אויסצונוצן דעם אונטערשטן לעצטן טאג פון יאר ווי עס דארף צו זיין, נישט צו פארברענגען דאס ביסל צייט וואס מ'געפונט זיך אין אומאן, נאר לויפן צום הייליגן רבינ'ס ציון, זיך מתוודה זיין און תשובה טון, און אריינקומען צום נייעם יאר מיט פרישע קבלות צו זיין נאר ערליך און וואויל.

מוצש"ק האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דער שיעור אין גמרא. און 1:00 אזייגער איז געווען סליחות "זכור ברית", דער בעל תפלה איז געווען הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א.

נאך סליחות האט מען געגעבן פדיון נפש פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר עטליכע שעה, ביז צו די פארטאגס שעה'ן.

אינדערפרי נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דער שיעור גמרא, און דערנאך גענומען פדיון נפש פאר אלע וואס האבן נישט אנגעיאגט נעכטן.

פאר חצות איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום ציון זיך צו באטייליגן ביים "תיקון הכללי העולמי", וואס איז איינגעפירט געווארן אין די לעצטערע יארן אז צענדליגע טויזנטער אידן זאגן אויס אינאיינעם דעם תיקון הכללי ערב יום טוב ביי חצות.

נאך חצות האט מען סערווירט פרישטאג, אזוי ווי דער מנהג איז אז מ'פאסט אום ערב ראש השנה ביז חצות.

אין די וואכן טעג אין אומאן איז געווען צוגעשטעלט א הערליכער חדר פאר אלע קינדער וואס זענען געקומען קיין אומאן אינעם בנין היכל הקודש, פילע צענדליגע קינדער האבן אינאיינעם געדאווענט און געלערנט אונטער די אויפזיכט פון די חשובע מלמדים, און גלייכצייטיג זענען די קינדער געגאנגען עטליכע מאל צום ציון הקדוש צו זאגן אינאיינעם תיקון הכללי. אזוי אויך במשך דעם יום טוב זענען די קינדער געזעסן אין שול אינאיינעם מיט די מלמדים, און שיין געדאווענט מיט חשק און ברען. מוצאי יום טוב זענען די קינדער באלוינט געווארן מיט ווערדפולע מתנות, פאר'ן אזוי שיין דאווענען און לערנען במשך די גאנצע צייט אין אומאן.

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאם געקומען צו מנחה, דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צום לעצטן מנחה פון יאר וואס מ'האט געדאווענט מיט א

<<<<<<


## << נייע לאקאלע נומערן >>

אויפ'ן פארלאנג פונעם חשוב'ן ציבור האבן מיר צוגעשטעלט פרישע לאקאלע נומערן

פאר קרית יואל און מאנסי

קול ברסלב.........845-351-0910

קוואל פון חיזוק.......845-351-9060

## הבטחת מוהרא"ש

מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש

**אשר בנחל**

וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;

דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**